**אַהרן אליעזר צייטלין – לעבנס־דאַטעס**

1898, דעם 3טן יוני (י״ג סיוון 5658) : ווערט געבוירן אין אוּוואַראָוויטש, ווײַסרוסלאַנד. זײַן טאַטע – דער באַקאַנטער דענקער און שרײַבער הלל צייטלין.

1898–1905 : די משפּחה וווינט אין ווײַסרוסלאַנד. ערשטע לימודים בײַ זײַן טאַטן.

1905–1908 : די משפּחה וווינט אין ווילנע. לערנט זיך אין אַ חדר־מתוקן.

1908 : די משפּחה באַזעצט זיך אין וואַרשע. ענדיקט אַ העברעיִש־פּוילישע גימנאַזיע. באַזוכט אַ הויכשול.

1920 : פֿאָרט אַרויס אָנהייב דעצעמבער מיט זײַן ברודער אלחנן קיין ארץ־ישׂראל. אויפֿן וועג באַזוכן זיי טשעכאָסלאָוואַקיע, אונגערן, יוגאָסלאַוויע. אַהרן אַרבעט אין זכרון־יעקבֿ ווי אַ לערער.

1921 : אַרום סוף יאָר קומען זיי צוריק אין פּוילן דורך בײרוט און מערבֿ־אייראָפּע.

1922 : באַזעצט זיך צוריק אין וואַרשע.

1926 : ווערט רעדאַקטאָר פֿון ליטעראַרישן אָפּטייל פֿון דער טאָגצײַטונג *וואַרשעווער עקספּרעס* (זינט 1927 *אונדזער עקספּרעס*). ווערט עס בלײַבן ביז זײַן פֿאַרלאָזן פּוילן אין 1939.

1927 פֿרילינג : האָט חתונה מיט טאָליע (לאה) פּערלמוטער.

1930 : ס׳ווערט געבוירן צבֿי־דובֿ (הירש־בער), אַהרן צייטלינס אייציק קינד.

1932 : גיט אַרויס דעם ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל *גלאָבוס* (וואַרשע) און בלײַבט זײַן רעדאַקטאָר ביזן לעצטן נומער אין 1934.

1939 מאַרץ : קומט קיין ניו־יאָרק, פֿאַרבעטן דורך מאָריס שוואַרץ, זיך צו באַטייליקן אין די צוגרייטונגען אויפֿצופֿירן *אסתּרקע* דורכן יִדישן קונסט־טעאַטער. דער מלחמה־אויסבראָך סוף זומער לאָזט אים נישט צוריקפֿאָרן קיין אייראָפּע. ער פֿאַרברענגט עטלעכע חדשים אין קובאַ, וואַרטנדיק אויף אַ וויזע צו וווינען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן.

1940 : צוריק אין ניו־יאָרק.

1942 : הלל צייטלין (לויט ווי עדות וועלן שפּעטער איבערגעבן) ווערט געזען צום לעצטן מאָל אין סעפּטעמבער אין וואַרשעווער געטאָ, אויפֿן וועג צום אומשלאַגפּלאַץ. אלחנן צייטלין שטאַרבט אין דעצעמבער אין וואַרשעווער געטאָ, ווײַזט אויס פֿון הונגער. אַהרנס ווײַב טאָליע און זייער זון ווערן געזען אין מײַדאַנעק קורץ פֿאַר זייער אומקום.

1944–1945 : ס׳דערגייען קיין ניו־יאָרק נײַעס וועגן אומקום פֿון דער משפּחה אין פּוילן.

1948–1949 : קומט איבער אַ שווערע קראַנקייט און האָט חתונה מיט רחל אַבראַמאָוויטש.

1973 : שטאַרבט אין ניו־יאָרק דעם 28סטן סעפּטעמבער און קומט צו קבֿורה אין ירושלים דעם 1טן אָקטאָבער.

## אַהרן צייטלינס ווערק

1922 : *מטטרון*, אַפּאָקאַליפּטישע פּאָעמע (וואַרשע, 64 זז').

1923 : *שאָטנס אויפֿן שניי*, לידער (וואַרשע, 135 זז').

1929 : *יעקבֿ פֿראַנק*, דראַמע (ווילנע, 108 זז', קיין מאָל נישט אויפֿגעפֿירט).

1929 : *ברענער*, דראַמאַטישע דיכטונג (וואַרשע, 143 זז', קיין מאָל נישט אויפֿגעפֿירט).

1929 : *ייִדנשטאָט*, דראַמע (אויפֿגעפֿירט דעם 10טן נאָוועמבער אין ביאַליסטאָק, שפּעטער אין וואַרשע און אין אַנדערע שטעט ; געדרוקט אין *דראַמעס*, ב'2, תּל־אָבֿיבֿ, 1980).

1931 : „דזשייקאָב דזשייקאָבסאָן“, גראָטעסקשפּיל (אינעם זאַמלבאַנד „אַ מאָל אין אַ יובֿל“, וואַרשע, זז' 1–86 ; נישט אויפֿגעפֿירט אויף ייִדיש ביז אין 2004, אין לאָנדאָן. ווידער אויפֿגעפֿירט אין פּאַריז 2021–2022)

1932 : „אסתּרקע און קאַזימיר דער גרויסער“, ייִדיש־פּוילישע מיסטעריע (אינעם ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל *גלאָבוס*, וואַרשע, נומ' 5 און 6 ; נישט אויפֿגעפֿירט ביז אין 1940 אין ניו־יאָרק, דערנאָך אין פֿאַרשיידענע שטעט).

1933 : *דער וועבער פֿון באַלוט*, אַ שפּיל (קיין מאָל נישט אויפֿגעפֿירט; געדרוקט אין *דראַמעס* ב'1, תּל־אָבֿיבֿ, 1974).

1933 : „כעלעמער חכמים“, קאָמעדיע (אויפֿגעפֿירט אין אָקטאָבער אין ניו־יאָרק דורך מאָריס שוואַרצעס ייִדיש קונסט־טעאַטער ; קיין מאָל נישט געדרוקט).

1934 : „די ייִדישע מלוכה אָדער ווייצמאַן דער צווייטער“, אַ שפּיל (אינעם ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל *גלאָבוס*, וואַרשע, נומ' 21–22, קיין מאָל נישט אויפֿגעפֿירט).

1937 : *ברענענדיקע ערד*, ראָמאַן (וואַרשע, 335 זז')

1939 : „אין קיינעמס לאַנד“, דראַמאַטישע זעונג (אין *זאַמלביכער* ב' 4, ניו־יאָרק, זז' 229–382, אויפֿגעפֿירט אין 1940 אין בוענאָס־אײַרעס, אין 1941 אין קליוולאַנד און אין פּליטים־לאַגערן אין דײַטשלאַנד אין 1947)

1943 : *אין קאַמף פֿאַר אַ ייִדישער מלוכה*, בראָשור (ניו־יאָרק, 31 זז').

1944 : „שיר־השירים“, סצעניש־מוזיקאַלישע שפּיל (אויפֿגעפֿירט אין ניו־יאָרק, קיין מאָל נישט געדרוקט).

1947 : *געזאַמלטע לידער*, ב' 1 און 2 (ניו־יאָרק, 630 זז').

1950 : *שירים ופואימות*, העברעיִשע לידער און פּאָעמעס (ירושלים, 306 זז')

1957 : *געזאַמלטע לידער*, ב' 3 (ניו־יאָרק, 404 זז').

1957 : *בין האש והישע,* העברעיִשע דראַמאַטישע פּאָעמע (תּל־אָבֿיבֿ, 391 זז׳)

1964 : *מן האָדם ומעלה,* צוויי העברעיִשע דראַמאַטישע פּאָעמעס (תּל־אָבֿיבֿ, 229 זז׳)

1965 : *מדינה וחזון מדינה* (עסייען, העברעיִש, תּל־אָבֿיבֿ, 227 זז׳)

1966 : *על יחסי הגומלין בין המדינה לגולה* (עסיי, העברעיִש, תּל־אָבֿיבֿ, 14 ז׳)

1967 : *המציאות האחרת,* (העברעיִש) ב׳1, פּאַראַפּסיכאָלאָגיע און פּאַראַפּסיכישע דערשײַנונגען (תּל־אָבֿיבֿ)

1970–1971 : *אַלע לידער און פּאָעמעס אין צוויי בענד* (ניו־יאָרק, 528+471 זז׳)

1973 : *המציאות האחרת,* ב׳2, פּאַראַפּסיכאָלאָגיע (תּל־אָבֿיבֿ)

**געדרוקט נאָך דער פּטירה**

1974 : *געזאַמלטע דראַמעס* ב׳1 (דער וועבער פֿון באַלוט, ברענער, אין קיינעמסלאַנד ; תּל־אָבֿיבֿ, 372 זז׳)

1975 : רוח *ממצולה* (העברעיִשע לידער און פּאָעמעס, תּל־אָבֿיבֿ, 480 זז׳)

1980 : דראַמעס ב׳2 (ייִדנשטאָט, אסתּרקע, יעקבֿ פֿראַנק, ווייצמאַן דער צווייטער ; תּל־אָבֿיבֿ, 311 זז׳)

1980 : *ליטעראַרישע און פֿילאָסאָפֿישע עסייען* (ניו־יאָרק, 390 זז׳)

1980 : *בין אמונה לאמנות* (עסייען, 2 בענד, תּל־אָבֿיבֿ, 272+264 זז׳)









# אהרן צייטלין

## אלע לידער און פּאָעמעס

## א׳

# לידער פון חורבן און לידער פון גלויבן



„יזכור פּרייז" ביבליאָטעק
פאַרלאַג בערגען בעלזען

# אהרן צייטלין

## אלע לידער און פּאָעמעס

באַנד צוויי

# ווייטערדיקע
# לידער פון חורבן
# און
# לידער פון גלויבן
# און
# יאַנוש קאָרטשאַקס לעצטער גאַנג





„זכור פרייז" ביבליאָטעק

פאַרלאַג בערגען בעלזען



## יאַנואַר 1938

אַ מידער הונט, וואָס דרעמלט פֿאַר דער בודע,
ליג איך פֿאַר דיר אָן מיצוות און אָן זינד,
אַ נישט־געראָטן קינד
פֿון ווײַטע עלטערן – לייבן אין יהודה.

קאָפּ אויף לאַפּע הויער איך אין זאַמד,
פֿאַרוויגט פֿון פֿליגן – און אין מיר איז הוילקייט.
די זון – דײַן וואָרט וואָס פֿלאַמט –
וואַרעמט נאָר דעם רוקן פֿון מײַן פֿוילקייט.

נאָר ערגעץ זאָטלט שוין דײַן האַנט ס׳געוויטער,
און בעת צום זאַמד איז צוגעשמידט מײַן קאָפּ –
בינדט ערד און הימל אין איין פֿײַערדיקן סנאָפּ
דײַן בליץ פֿול ציטער.

צערינען וועט מײַן שלאָף ווי לײַכטע טויען,
באַלד לאָזט דײַן שטורעם זיך גאַלאָפּ,
און ס׳רײַסט זיך פֿון דער לאַפּע אָפּ מײַן קאָפּ –
און איך וועל ווויען !

*וואַרשע 1938*

## געשריבן אין האַוואַנע אין די ערשטע וואָכן פון קריג

(פֿראַגמענט)

.........................................................

זיי האָבן געשאָכטן, די שלאַכטער, די שעכטער !

און איך האָב געשוויגן – איך גאָט דער גערעכטער.

זיי האָבן געמיינט, אַז איך בין אויף דער עלטער !

אַרויס בין איך – פֿעלקער צו טרעטן אין קעלטער.

האָב אדום געטראָטן, האָב אומרעכט געשלאַכט.

מײַן ווײַן איז געקעלטערט און ס׳פּורפּורט מײַן טראַכט.

אין איבערקראַפֿט טרעט איך, טראָג בראַנד אין די הענט.

איך דאַרף זייער וועלט נישט !

איך האָב זי פֿאַרברענט !

## אין דער פּרי

הײַנט אין דער פּרי, אין די בראָנקס,
האָב איך זיך פֿאַרקוקט
אויף אַן איינציק וואָלקנדל אַ בלאָנדס,
וואָס האָט ווי אַ קינדערקאָפּ גערוט
אין אַ ליידיק בלויען הימל איבער קלערמאָנט־פּאַרק.
און כ׳האָב אויף אַ מינוט
פֿאַרגעסן זיך אין גאָט
און ס׳האָט זיך מיר געטראַכט אַ רגע : אַלץ איז גוט,
כאָטש אַלץ איז שלעכט,
און עס ווייס דער הימל וואָס ער טוט,
כאָטש דאָס האַרץ, וואָס האָט קיין טרייסט נישט,
שרײַט, אַז ער ווייס נישט.

**אויפֿן וועג צווישן גרענד רעפּידס און דעטרויט**

ס׳איז נישט מײַן היימלאַנדס האַרבסט, וואָס גייט געבויגן,
בעת ווינט ציילט לעצטע בלעטער, ווי אַ קאַרגער – געלדער.
דאָ פֿרילינגט האַרבסט. זון זילבערט איבער פֿעלדער
און קושט די קליינע פּיראַמידן פֿון די סטויגן.
די ביימער, שטאָלצע וועלקער,
דעם קעניג גאָטס אין פּראַכט געקליידטע פֿעלקער,
פֿאַרכּישופֿן מיט ציַיטיקייט די אויגן.
און ס׳איז, ווי ס׳וואָלט פֿון זיך צו זיך געפֿלויגן,
אַליין זיך אָנזאָגנדיק בשׂורות פֿון דערפֿילונג,
דעם הימלס בלאַנקער בויגן.
עס העלט די וועלט. זיך גופֿא פֿילט די פֿילונג.

אומזיסט ! אין מיטן בלי פֿון צווייטן פֿרילינג
קומט מיר דער גייַסט פֿון יענעם האַרבסט אַנטקעגן,
און ווייַזט אויף חורבֿות פֿון מיַין פֿאָלק מיט בייַטשן רעגן,
און יאָמערט קדישדיק אויף דעם פֿאַרמעגן,
וואָס שטורעם האָט געגנבֿעט. כ׳הער אים הוילן
ס׳געהויל פֿון טויזנט גרוילן.

זייַן קלייד – אַ זאַק פֿון האַרבסטבלעטער, וואָס פֿוילן,
זיַין אויג – אַ נאָרע. אייַנגעהויקערט קריכט ער
דורך בלוטבלאָטע געדיכטער,
און קערט מיר אָפּ ס׳געזיכט, איך זאָל נישט קוקן
אויף זאַטער פּראַכטיקייט און צייַטיק ליכט.

נאָר ווי איך קער אַוועק אַזוי ס׳געזיכט –
דערזע איך שטיל אַ גלאַנץ־געשטאַלט זיך רוקן
פֿון הינטער זײַן צעקרימט־צעדרייטן רוקן.
איז עס די זון, וואָס זונט הינטערן אומגליק ?
אָ, לאָזט מיך פֿאַלן און צו איר זיך בוקן,
צו דער געשטאַלט, וואָס נענטערט זיך אין זונגלי
צו די פֿאַרוויסטע שוועלן פֿון מײַן אומה.

קום, שטראַל־געגורטע דו ! מיט פֿינגער פֿרומע
פֿאַרבינד אויף ס׳נײַ וואָס ס׳האָט צעשיידט די טומאה,
און לײַכט צו אונדז דורך ספֿירה לעצטער, צענטער –

קום נענטער, מוטער, נענטער !

*1941*

## אָן גאָט און אָן אַ ייִד

דער פֿאַרטאָג האָט זיך צעפֿלאַקערט
איבער דעם קוואַדראַט פֿון אַ וואַרשעווער הויף.
אַ סטאַדע צעשראָקענע שאָטנס
האָט שטיל געטאָן אַ לויף
פֿון אַלטע ווענט אַראָפּ.
דער בוים, דער איינציקער בוים,
האָט רויט זיך צעלאַכט.
אַ ווינט האָט געבראַכט
ריחות פֿון גוייִשע מרחקים.

פֿאַר רב בערישן, דעם אַלטן חסיד,
זײַנען פֿויגל און זון און מרחקים
געווען זאַכן פֿון עכו״ם.
געוווּסט האָט דער אַלטער,
אַז פֿויגל און זון און די אַלע זאַכן,
וואָס שפּילן, לײַכטן און לאַכן
ווי טויזנט גליקן,
וואַרטן מיט הכנעה, אַז אַ ייִד
זאָל גאָט זיי שענקען, זאָל זיי געבן תּיקון.

איז ער געווען פֿון די ותיקין.
פֿלעגט ער זיך פֿעדערן
אַ הייליקן תּיקון צו געבן יעדערן :
דעם איינציקן בוים אויפֿן הויף,
דעם ווינט, דעם פֿאַרטאָגיקן וואָלקן, וואָס ברענט
איבער דער מויערס אַלטע ווענט.
אין זײַנע הענט,

די הענט פֿון אַ שוואַכן בן־אָדם,
איז דער שליסל צום טויער געווען –
צום טויער פֿון חסדים.

ווּ איז זײַן תּפֿילה ? זײַן תּיקון ווּ איז ?
מאָרד, מאָרד, מאָרד.
זײַן תּפֿילה, זײַן וואַרשע, דער ייִד אַליין –
אויסער וועלט, אויסער צײַט, אויסער אָרט.
נישטאָ מער דער ייִד, מע הערט נישט זײַן קול –
און נישטאָ ווער עס זאָל
געבן אַ זין דער זון,
שענקען אַ גאָט דעם טאָג.

*1944*

## אַ חלום פֿון נאָך מײַדאַנעק

(אָנהייב־שורות)

אויך דאָס וועט ווערן פֿאַרגעסן, אויך דאָס.
פֿאַרברענט געוואָרן מײַן פֿאָלק,
און ס׳וועט ווערן פֿאַרגעסן אויך דאָס.
ווו די נאַלעווקעס האָבן געררוישט –
בלאָז פֿון ווינט צווישן גראָז,
ווינט און גראָז.
בוימער זויפֿן זאַפֿט פֿון לעבנס טויטע.
צו אַ זונה אַ זון
זינגט אַ פֿויגל אַ שוטה.
אַ קוימען אָן אַ דאַך,
אַ קוימען אַ בלינדער,
שטאַרצט פֿון מיסט ווי אַן אַלטער צילינדער –
אַ צילינדער אָן אַ קאָפּ.
.....................................................

*1946*

## כ׳האָב נישט געהאַט די זכיה

אַוועק בין איך בײַ צײַטנס און פֿאַרהוילן
האָט גאָט פֿון מיר די גרוילן –
פֿאַר וואָס, פֿאַר וואָס בין איך אַוועק פֿון פּוילן ?

כ׳האָב נישט געהאַט די זכיה מיט מײַן פֿאָלק צוזאַמען
צו גיין דעם וועג פֿון פֿלאַמען,
און ס׳פּײַניקט, ווי אַ זינד נישט צום פֿאַרגעבן,
די שולד פֿון בלײַבן לעבן,
פֿון בלײַבן לעבן און פֿון מאַכן גראַמען.
און ס׳וועט די שולד מיך סמען,
ביז כ׳וועל נישט פֿאָלגן איינער פֿון די דרײַ געשטאַלטן,
וואָס שטייען גרייט פֿון שולד מיך צו באַהאַלטן,
וואָס וואַרטן און וואָס רופֿן מיך צעגליטע :
איין געשטאַלט איז קדושה, ס׳צווייטע איז שגעון,
זעלבסטמאָרד איז דאָס דריטע.

נאָר זעלבסטמאָרד איז צו שטאַרק פֿאַר מיר, דעם שוואַכן,
מײַן קליינקייט קאָן זיך קדושה נישט פֿאַרגינען,
און כ׳קאָן אַפֿילו נישט אַראָפּ פֿון זינען.

*1967 – 1947*

## זאָג נישט קיין מאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג

זאָג נישט קיין מאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג.
מעג ווי שרעקלעך זײַן דער וועג און מעג
ס'גאַנצע לעבן ווי אַ בייזער מום זײַן –
זאָג צו זיך, אַז ס'איז נישטאָ קיין לעצט !
זאָג צו זיך : עס איז נישטאָ קיין אומזײַן !

אויב נאָך טויט איז מער נישטאָ קיין זײַן,
איז דאָס לעבן אומזין – און דײַן פּײַן
איז ממילא פונקט דער זעלבער אומזין.
נאָר צו שטאַרק איז זי, אַז זי זאָל זײַן
אומזיניק – טאָ לערן פֿון דײַן פּײַן,
אַז עס איז נישטאָ, נישטאָ קיין אומזין,
און אויב זין איז – איז נישטאָ קיין אומזײַן.

מעג דער וועג ווי שרעקלעך זײַן און מעג
ס'גאַנצע לעבן ווי אַ בייזער מום זײַן,
זאָג : עס קאָן נישט לעצטיק זײַן דער וועג.
זאָג: עס קאָן נישט, קאָן נישט זײַן קיין אומזײַן.
אייביקייט, עס וואַרט אויף אונדז דײַן זונשײַן,
ס'וואַרט אויף אונדז דײַן זײַן, וואָס איז אַ זון־זײַן.

## צווישן פּלאָצק און וואַרשע

אין נאָכמיטאָגדיקער־יאָרן אָן גאָט
זע איך אַמאָליקע יאָרן.
אַ מאָל אין אַ זומער זע'מיר קאַ' פּלאָצק
איבער דער ווײַסל געפֿאָרן,
קאַ' פּלאָצק מיט דער ווײַסל געפֿאָרן.

אַן איינציק כמאַרעלע פֿאָרט אין דער הויך –
ווי קומט אַ ווײַסל־פֿיש אויבן ?
ס'כמאַרעלע פֿאָרט און די ווײַסל פֿאָרט.
כוואַליעס ווי סטאַדעס טויבן,
אַ פֿישל אַ פֿריילעכס אויבן.

און איך אויפֿן דאַמפֿערס דעק מיט איר,
דער ליבסטער פֿון וואַרשעווער טעכטער.
זײַן חופּה די בלויע שפּרייט גאָט איבער אונדז,
די זון ווי אַ טעלער צעברעכט ער,
די זון אין דער ווײַסל צעברעכט ער.

זאָל זײַן מיט מזל ! אויף שערבלעך זון,
אויף זונבראָך טוען מיר פֿאָרן.
און ווײַסל־ווינט שפּילט, און אין העלס געהילט
לויפֿן די גרינע ברעגעס,
מיט זיי די גרינגע רגעס.

גרין פֿינקלען די ברעגעס און ווײַס איז דער טײַך
און אויגן האָט זי ברוינע –
אין שענסטן פֿאָלקסליד האָט נישט געגליט
אַ פּאָר הייסע אויגן אַזוינע,
גליקלעכע, ברעניקע, ברוינע.

און אַז מיר שווימען קאַ' וואַרשע צוריק,
פֿלאַמט סוף טאָג איבער פּוילן.
די זון צינדט אין וואַסער אַ גאָלדענע בריק
און די בריק לויפֿט ווײַט און פֿאַרהוילן
צו ברעגעס – נישט ערד און נישט פּוילן.

אַצינד בין איך ווײַט אין נאַכט פֿון דער צײַט,
אין נאַכט פֿון מײַן דור פֿאַרפֿאָרן,
נאָר וויל איך – פֿאָר איר מיט דיר קאַ' פּלאָצק
ווי אין פֿאַרגאַנגענע יאָרן,
די פֿאַרב־און־קלאַנגענע יאָרן.

איך, דו און די ווײַסל – מיר פֿאָר' מיר קאַ' פּלאָצק.
וויל איך – ווערט עס פֿאַראַניק,
כאָטש דו ביסט נישטאָ און נישטאָ מײַן פֿאָלק
און דער סוף איז געווען מײַדאַנעק.
וויל איך – ווערט עס פֿאַראַניק.

פֿאַר וואָס פֿאַראַניקט אין מיר יענער טאָג ?
פֿאַר וואָס איז ער אייביק אַצינדיק ?
אין גײַסט איז מײַדאַנעק אויך נישט דער סוף –
אין אים איז גאָרנישט פֿאַרשווינדיק,
אין אים איז גאָרנישט פֿאַרשווינדיק.

אַלץ אַצינדיקט – און וואָס איז סוף ?
שטיל ווערט אין מיר ווען איך פֿרעג עס,
און פֿאַר מײַן בליק נעמט לויפֿן אַ בריק –
זי לויפֿט צו געהיימע ברעגעס,
ווי די בריק, וואָס די זון האָט געצונדן אין טײַך
אויפֿן וועג צווישן פּלאָצק און וואַרשע.

*1946*